STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09852

DER ZEKSTER LISTOPAD

I. Gastwirt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גאסטוווירט

דער
זעקסטער ליסטאָפאַד

פּאָעמע

קראָקע — 1929

הויפּט פאַרקויף:
Księgarnia „KSIĄŻKA“ Łódź, Zielona 11.

J. Gastwirt, — „Der Zekster Listopad“ — Poemat.

Nakładca: Chaskel Roth Bochnia, ul. Bracka 447.
Drukarnia: B. Geizhalsa Kraków XXII, ul. Kalwaryjska 18.

קראָקע — 1927

אויף דער דונאַיעווסקער שטיי איך איינער. איינער,
בלוט דער רעגן לאַנג שוין האָט פאַרווישט —
גלייך־ווי קיינער, קיינער, קיינער!
גלייך־ווי גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט!...

פאָרן קוטשן, גייען דורכגייער פאַרביי,
קיינער זעט נישט, קוקט זיך נישט אַפילע אום.
און מיט פיר יאָר צוריק אויף ווייסן שניי
בלוט פאַרגאָסן איז געוועזן אומעטום!

•

היי, דורכגייער, שטעל זיך אָפּ אויף איין מינוט
און טו אַ קוק אויף דער מאַציייווע אין דער וואַנט!
דאַן גיי אַוועק מיט אומרויקע טריט
און קום צוריק מיט טויזנטער ביינאַנד!

ער הערט נישט, גייט פאַרביי, אָבער מאָרגן
וועט ער אומקערן זיך און קומען דאָ צוריק
מיט צעכונטעוועטע טריט. פון האַרבע זאָרגן
אין זיין אויג דער פלאַמענדיקער בליק.

ער וועט שטורעמען די פעסטונגען און מויערן,
ער וועט דורכברעכן די מויערן אַלע און די ווענט.
ס'וועלן אים מיט פרייד־געשריי ביי אַלע טויערן
אַקייגנווינקן טויזנטער צעווינטע, אומרויקע הענט.

ס'וועלן טאַנצן דעמאָלט אין אַ קאַרעַכאָד
רויטע פֿאָנען, קעפּ און זינגער־טריט,
און צום טאקט וועט צוקלאפּן דער קולעמיאָט
מעכטיקער און שענער פֿונ'ם שענסטן ליד!

* * *

דער זעקסטער ליסטאַפּאד

I.

אין די גאסן
אומעטים
פֿאָרן, יאָגן
מיט געברום

אויטאָס, קוטשן,
וועגן, פֿערד,
ס'פּיבערט אונטער
זיי די ערד.

צווישן זיי
דער הונגע-
ריקער גייט.
ביי יעדער
אויסלאגע אַ
דינער שטייט.

אַלע אויסלאגעס
אָנגעשטאָפּט
מיט עסן: —

כאָטש אויף
איין מינוט דאָס
פֿ אַ ר ג ע ס ן !

טירן — אָפֿן
אינעווייניק — שפּייז!
ניט קוק זיך אום,
פֿאַרגיך די שפּרייז!

גיי אַרויס
אויף דער גאַס,
דריק די פֿויסט
צונויף מיט האַס:

וועסט קיין ברויט
נישט האָבן, ניין.
פֿאַר דיר ז׳דער טויט
נאָר דאָ אליין!

II.

ווען הונגער קומט אַריין אין אַרבעטער־שטיבן
פֿאַרהענגען זיך די פֿענצטער,
די טירן פֿאַרמאַכן זיך
און ס׳ווערט פֿינצטער.
נאָך נעכטן איז דאָס לעצטע שטיקל ברויט
געוואָרן אויפֿגעגעסן
און היינט איז „ער"
שוין וויפֿל מאָל געווען אין גאַס

און צוריק געקומען
מיט ליידיקע הענט,
מיט פּאָנים בלאַס
און מיט פֿאַרטריקנטן גומען.
„זי״ געזעסן איז אין ווינקל
און האָט געקוקט מיט אויגן בלאָנזשענדיקע
אויף דעם פֿענצטער פֿאַרהאָנגענעם
און אויף ווענט
די פֿרעמדע,
די קאַלטע,
און זיך געפֿרעגט: וואָס וועט זיין?
דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ
און ס׳איז דאָס לעצטע וואָרט
געוואָרן צוגעביסן צווישן אירע ציין.

ווען הונגער קומט אַריין אין ארבעטער־שטיבן —
און ס׳איז דער לעצטער גראָשן געוואָרן אויסגעגעבן
אויפֿן דאָקטאָר פֿאַר אַ קראנק קינד —
ווערט מויל פֿאַרשטומט;
נאָר האַרץ ווערט איבערפֿול,
ציין ווערן שאַרף,
פֿויסטן ווערן האַרט
און הייבן זיך אויף
אויף נויט,
אַקעגן הונגער־טויט! —
אויף דער שוועל דער בונטאָר שטייט.
אַלע זענען גרייט איצט, גרייט...

iii.

אינ'ם טאנץ־זאל
פֿון האָטעל
דונערט לוסטיק
די קאפּעל.

אינ'ם עס־זאל
דאמען, הערן
זיצן, ס'גלאנצן
זיי די שטערן.

נאָכדעם שטעלט זיך
איינער אויף,
טוט מיט זאטן
אויג אַ לויף

איבער אַלע,
וועלכע זיצן,
טרינקן, זאלצן
צו מיט וויצן:

„מיינע דאמען,
העֶרן ווערטע,
כ'טרינק צום וויל
פֿון די געערטע

דאמען, הערן,
באקכוס-גאָט.
וואָס דעם ווײַן
באשאפֿען האָט!"

ס׳קלינגען גלעזער
ס׳קלאפּן טאצן,
בייכער פֿולע
אַט זיי פּלאצן.

קעלנער יאָגן
פֿלינק אַרום;
דינען יעדן,
דינען שטום.

נאָכדעם שפּילט
צום טאנץ מוזיק,
פֿים זיי פֿליען
הין און צוריק.

הענט זיך דריקן,
פֿים זיך בייגן,
ס׳צינדן פֿלעמלאָך
זיך אין אויגן.

ס׳שמייכלען פֿרויען־
ליפּן, מענער
וענען שוין אויף
שמייכלען קענער! —

דורך די שויבן
פֿון דער גאס
הענט־נעבײלט,
די ליפּן — בלאס

קוקט אַריין.
אַ פּאָנים שטום
אויף די טאַנצנ־
דע אַרום...

IV.

אין די טורמעס פֿונ׳ם גאנצן לאנד —
זענען טויזנטער קעמפֿער פֿארשלאָסן.
אין די טורמעס פֿונ׳ם גאנצן לאנד
ווערן צענדליקער קעמפֿער דערשאָסן.

אַלע וועגן, וואָס פֿירן צו די טורמעס
זענען שטרענג פֿון די וועכטער געהי׳ט,
אַלע וועגן, וואָס פֿירן צו די טורמעס
רויט זענען באַשפּריצטע מיט בלוט.

אין די צעלן פֿינצטערע פֿון די טורמעס
שיינט די זון ווען־נישט־ווען ס׳איז אַריין.
אין די גריבער כווישעכע פֿון די טורמעס
ליגט פֿון מוטיקע קעמפֿער ס געביין.

אויף די פֿעלדער זוניקע, אויף אַלע ביימער
טרילערט לוסטיק פֿייגעלעך־געזאַנג.
אונטער די מויערן כווישעכע פֿון אַלע טורמעס
יאָמערט אָפֿט געוויין אַזוי באַנג.

אין די טורמעס פֿון דער גאנצער וועלט
שלאָגן טויזנטער הערצער ביינאנד.
אין ריי און אין גליד איז צושטעלט
יעדעס וואָרט, יעדער ריר מיט דער האַנט...

V.

ניין,
עס איז נישטאָ קיינער,
וואָס טוט
פֿילן,
זען
און הערן
און מוז פֿארווערן,
אויסער איר אַליין!
אונטער אַ בארג פֿון קלינגענדיקע רייד
פֿון זאטע צונגען
ליגט דער עמעס
צוגעדושעט
און קאָן נישט
אַרויסשטעקן
דעם קאָפּ,
און פֿאלט
אלץ טיפֿער,
אלץ נידריקער
אַראָפּ.

די גערעכטיקייט — דאָס איז די פּויסט,
וואָס זויזט
איבער די קעפּ פון די באדריקטע,
פּאריקטע און שווינדלער
נאָר גלייבן אין דער ליבע
פון די הויכע פּענצטער
צו די אָרימע קינדער!
מיר — וואַרטן נישט אויף קיין וואונדער!
הערט,
איר
מיט פאַרביסענע ציין,
וואָס דונערט איבער אַלע לענדער,
איבער אַלע שטעט
אייער צאָרנדיקן: ניין!
עס איז נישטאָ קיינער,
קיינער —
אויסער
איר
איין!

VI.

VII.

צאָרנדיקער געפּ־יף פֿון סירענעס:
די שלאַכט האָט באַגינען,
פֿונ׳ם שאכט,
פֿון פֿאבריק,
ווי די בינען מיט געזשומעריי פֿליען אַרויס
פֿונ׳ם בינשטאָק,
זענען אַרויס פֿון די פֿינצטערע
אונטערערדנעגג,
פֿאבריקן
טויזנטער, טויזנטער, טויזנטער
האָבן זיך צעט־אָטן

איבער שטיינגעפלאסטערטע גאסן
מיט אומרו אין הענט און מיט פייער אין אָטעם.
פול אַלע גאסן מיט מענטשן,
העל אַלע אויגען פון פייער,
ואָס האָט זיך אינעווייניק צוברענט.
ווער האָט זיי דערקענט?
נעכטן — שטום אַלע מיילער,
היינט — אַ שטורעם פון צעבונטעוועטע הענט.
קעפ.
העפ! העפ!
אַ ווארע מאכט פארן ריז,
וואָס האָט אויפגעוואכט
און שפאנט אַרום אין דער שלאכט!

VIII.

נעכטן האָבן געקלינגען די טעלעפאָנען
אינ'ם גאנצן לאנד:
מיר זענען גרייט!
איר שטייט
אין די פארנדיקע רייען.
טרייבנדיקע הענט
האָבן אָפגעשטעלט די לאָקאָמאָטיוון,
וואָס פרווון זיך אַליין צו רירן פונ'ם אָרט,
ווייל ס'איז ביי זיי אין האלז דאָרט
געבליבן פארוואָרגן
אַ האלבער פייף
פון נעכטן אויף מאָרגן...

איבער אַלעֶ וועגן, אלעֶ בריקן
לויפֿט די רויטעֶ בסירע צו דער וועלט:
מיר האָבן אָפגעשטעלט!
און ווייט—נאָך ווייטער,
שנעלער ווי אויפֿן סאפעדיקן פֿערד דער טרייבנדיקער [רייטער,

יאָגט
און טראָגט דער ווינט דעֶם אָפהילך
איבער דערפֿער,
איבער שטעֶט:
ז עֶ ט!...
נעֶכטן האָבן געקלינגען די טעלעֶפֿאָנעֶן
אינ'ם גאנצן לאנד:
מיר זעֶנעֶן
ביינאנד!

IX.

איבער אלע נאסן
איילנדיקע טריט.
הינטעֶר יעֶדן טויעֶר
שטייט אַ היטעֶר — היט.

וואָס מיר, וועֶר מיר היטעֶר,
ווען בלוט איבערשוימט?
אַלע גאסן זענען
פֿריי, נישט איינגעֶצוימט!

אויף די גראָעֶ מויערן
הענגט אַ מויל, שרייט.

אויף די וואסן שטורמיק
גייט דער בונטאָר, גייט.

אלע הענט זוענען
אויסגעשטרעקט צו אים.
אלע אייגן זוענען
אויסגעקוקט נאָך אים.

פאַר די בלאָע לייט
שטעלט ער זיך נישט אָפּ.
פאַר די טורמע טויערן
בייגט ער נישט דעם קאָפּ.

פאַר די אָרעמע
איז זיין טראָט — געזאנג;
פאַר די רייכע לייט
איז זיין קאָל - אַ שלאנג.

זיינע אויגן — פלאמיק,
זיין געמיט — צעברויזט
און פון ביידע הענט —
איין פארדריקטע פויסט.

אויף, איר אלע, אלע,
ווען ס'דריקט די נויט,
אויף דער גאס אַרויס
קייגן הונגער־טויט !

איבער אלע גאַסן
איילנדיקע טריט.

הינטעָר יעדן טויער
שטייט אַ היטער — היט.

X.

שוואַרץ די גאס פון מענטשן
טויב די גאס פון טריט.
קיעָרניק* האָט געהייסן,
קיערניק דאָט באַפוילן:
נישט געסטרייקט, גערוט!

פאַר דעָם אַרבעָטער־היים
גלאַנצט אַ וואַלד באַגנעטן.
קיעָ־ניק האָט געהייסן שיסן,
קיערניק האָט געהייסן שטעכן,
נישט צוריק אָפּטרעטן.

ס'דונערן די מיילער,
ס'הויבן זיך די הענט:
ברעכט אדורך די רייען!
קומט, מיר גייען, גייען
מיט די בלויסע הענט!

* נעוו. מיניסטער פאַר אינערלאַכע איניאַנים אינ'ם יאָר 1923

XI.

דער גאַנצער הימל,
אַלע װעגן,
אַלע מײַלער
בלוטיק־רויט.

הונגעריקע מײַלער,
הענט
און אויגן
שרײַען: ברויט!

פֿויסטן, צײַן
און אויגן
זענען פֿעסט
פֿאַרדריקט,

אויף די ברוסטן
נאַקעטע
די העמדער זענען
אויפֿגעפֿליקט.

הײַ, איר אַלע,
אַ נעם צונויף
די קויכעס
און — אַ דריק!

זײַ װעלן
מוזן
אָפּװײַכן
צוריק!...

XII.

מיט די ציין
אויף די הענט
בייסט,
רייסט,
שלאָגט!
מיר האָבן געזאָגט:
וואָס פאַרצוימט
מוז ווערן אָפּגערוימט!
אַ מאבל פון הענט
איבער דער שווארצקייט פון שטיינערנע
[ווענט.
אַ יאם פון צעכוואליעטע קעפ,
ווי אין דער לופט איפגעהאנגענע טרעפ,
אַ שפאר האָט געטון און אַ דריק. —
די וואנט פון באשפיזטע געווערן
געמוזט האָט
אָפּווייכן
צוריק.

XIII.

אויף דער דונאַיעווסקער
עמעץ האָט געטון אַ־לויף.
אַ שאָס.
ער פֿאַלט צונויף
און ליגט,
און שטייט שוין מער נישט אויף.

XIV.

[redacted]

 [redacted]

XV.

טאָג נעֶכטיקעֶר הינטער אונזער ריקן,
טאָג היינטיקער פאר אונזעֶר האנט.
היינט מיר גייעֶן אויף דער בריק
צו דעם אויסגעֶקוקטן לאַנד.

דער וועג איז בלוטיק און איז רויט —
ס'הילכט אונזער טראָט, ווי קלאפ פון שטאָל.
גייעֶן מיר זאָגאר דעם טויט
א־קייגן מיט געֶזאנג אין מויל.

אונזער הארץ איז פלאמענדיק און העל;
העלער נאָך פון פלאקערדיקן בראנד. —
זענעֶן מיר ביי דאלעֶסדיקער שוועל
אויסגעקוקט און גוט באקאנט...

עס ברענען רויט זיך הימלעֶן איבער אומרויקע קעפ,
נאָך רויטעֶר איז דער אספאלט אינטער פיבערדיקן טראָט. —
היי, איר אלע, מיט געֶזאנג און שווערע קלעפ,
ארויס צום קאמף קייגן וועֶלט און קייגן גאט!

XVI.

היי, וועלט,
עס זענען ענג דיינע הימלען די בלויע,
דיין ערד די צעשפרייטע
אויף צענדליקער-טויזנטער מיילן
אַרום און אַרום
פֿאַרן מאסנהאריק פֿון די באדריקטע,
וואָס האָבן דערפֿילט
דעם אָנקום
פֿון קאמף!...
דיין גאנצער הימל —
אַ בלוי שאכטאלע באצירט מיט זונען, לעוואָנעס און שטערן,
אַ שפּילעכל פֿאַר קליינע קינדער!
דיין גאנצע ערד —
אַ באל פֿון ליים,
וואָס מיר צעקרישלען אין אונזערע געזונטע הענט
מיט געלעכטער!
אונז איז ווייניק דיין גאנצער קאָסמאָס!
מיר ווילן אָטעם צעברויזטן,
בליק ניט געצוימטן.
מיר ווילן לופֿט!...
היי, וועלט,
עס זענען ענג
דיינע הימלען די בלויע,
דיין ערד די צעשפרייטע

אויף צענדליקער טויזנטער מײַלן
אַרום און אַרום
פֿאַרן מאַסנהאַרץ פֿון די באַדריקטע,
וואָס האָבן דערפֿילט
דעם אָנקום
פֿון זיג!

XVII.

זינגען פֿראָלעטן: מיר זענען געקומען,
עס הילכן די גאַסן פֿון אונזערע קלעפּ.
היי, מיר צעפֿליקן און מיר שלאָגן אַרויס
פֿאָנען די אַלטע און אלטקייט פֿון קעפּ!

זינגען פֿראָלעטן: קראָקע איז רויט היינט,
רויט און נאָך רויטער ווי רויטקייט פֿון בלוט
וויגן זיך גאסן און ס'טאנצן די הייזער,
שרייען די טריט: עס איז גוט, עס איז גוט!

זינגען פֿראָלעטן: קראָקע איז פֿלאַמיק,
פֿלאַמיקער נאך ווי דער־העלישסטע־ בראַנד.
זענען די אויגן געשפּיזטע מיט פֿייער,
שפּאַנען צעכוואַליעטע הערצער ביינאַנד.

זינגען פֿראָלעטן: איר אַלע באַדריקטע,
איר אַלע פֿארצארנטע — אין ריי און אין גליד!
וויגן זיך גאסן און ס'טאנצן די הייזער
צום טאקט פֿון בונטאריש־צוהוידעטע טריט.

XVIII

[redacted]

[redacted]

XIX.

די פֿאליעָס פֿון ווייסל די קלאָרעָ
טראָגן פֿריידיק די בסירע אַוועק.
עס ציטעָרט דער וואַוועל דעָר אלטעָר
און קלערט: עס איז שוין איצט זיין עָק...

XX.

האַלט איין די קוטשן, איר פֿיאַקערס,
און די אויטאָס, איר שאָפֿערן! —
איך טראָג אַ פֿריידיקע, אַ גוטע בסירעָ
אויסגעָקריצט אין אויג, אויף שטעָרן.

XXI.

מיין ליד דיר,
דו העלד פון אלע שלאכטן,
באשווינדלטער,
באגאזלטער פון אלעם,
וואס האסט אויסגעקעמפט
מיט אייגענע הענט.
האסט אים זעלטן דערקענט,
דעם שווינדלער,
דעם גאנעוו,
דעם ליגנער,
— מיט גאט, צי אן גאט —
וואס האט טאמיד גענומען נאר דיינס
און קיינמאל נישט געגעבן צוריק,
נאר דיר איבערגעלאזט
א שטריק,
זיך אויפצוהענגען!
מיין ליד דיר,
דו צארנדיקער שווייגער,
וועמעס האַרץ עס איז
דער צעהוליעטסטער וויכער,
וואס האט ווען־עס־איז געשטורעמט אויף ערד,
דאס כונטארישסטע ליד,
וואס האט ווען־עס־איז געטרייסלט מיט הערצער,
מיין ליד דיר,
דו בלוטיקער אויף אלע וועגן,
ווו מענטשנפים האבן נאר געטראטן.
אין קומענדיקע טעג וועלן דיינע העלע זין
און טעכטער זוניקע

קישן יעדן טראָפּן בלוט,
וואָס איז פֿון דיר געוואָרן פֿאַרגאָסן
אין אַלע צייטן,
אויף אַלע וועגן
זוכן וועלן זיי די שפּורן פֿון דיינע טריט,
וואָס פֿירן
צו דעם
כּאָלעמלאַנד,
וואָס איז שוין וואָר —
און וועט נאָך שענער זיין פֿון יעדען כּאָלעמלאַנד,
דעם זייט יאָרטויזנטער
פֿון מיליאָנען בענקנדיקע הערצער
אויסגעטרוימטן...
מיין ליד
פֿון זעקסטען ליסטאָפּאַד —
דעם טאָג פֿון הערצער אויפֿגעשוואָלענע פֿון פֿרייד —
דיר נעם,
אַרבעטער,
האָרעפּאַשניק,
אָרעמאַן.
עס איז דיין
אין פּיין
פֿון קאַמף
אין זיג.

XXII.

עס פֿרילינקט היינט אין טונקעלע, געדריקטע הערצער,
ס׳איז יאָנטעוו היינט פֿאַר אויסגעפּראַצעוועטע הענט.
דער פֿראָסט דער בייסנדיקער, וועמען ארט, אז זומער
הייסער אין די אייוועֶרעם האָט זיך צוברענט!

דער טראָט איז לייכט, דער מויעך — דורכזיכטיק און העל,
כאָטש אויף דער גאס נעם און צעזינג זיך און צעטאנץ!
דאָס וואָרט דאָס וואַרעמע, וואָס וועקט זיך אין דער טיפֿקייט פֿון דער
[קעל,
איז ווי אויף קאָפּ אויף ליכטיקן אַ העלער קראנץ.

דער ערשטער שיין, דאס ערשטע ליכט איז אויפֿגעגאנגען
איבער קעפּ פֿארזארגט-אַראָפּגעלאזענע אין שווערן לייד.
דער נישט־אַרויסגעזאגטער שטומער צאַר איז ווי צערינען
אינ׳ם קאמף, וואס איז געקומען מיט אַ שטורם פֿון פֿרייד.

עס פֿרילינקט היינט אין טונקעלע, געדריקטע הערצער,
ס׳איז יאנטעוו היינט פֿאר אויסגעפּראַצעוועטע הענט.
איבער גאסן ברייטע צ׳יט זיך, צ׳יט דער צוג
פֿון אויפֿגעוואכטן ריז, וואס האט זיין קראַפֿט דערקענט.

XXIII.

זיי זענען געקומען
מיט שעקער אין גומען,
די מאסן צו זאגן:
דעם אויפשטאַנד צו באגראבן.

פון אנפאנג — געווארט,
דערנאך — אָפגענאַ־ט
די קעמפענדיקע מאסן, די זיגער, —
די באַטריגער!

היינטיש געלעקט
די האנט, וואס האט געשטעקט
אינ׳ם בלוט, וואס האט געבראכן
אַ־בעטער־קנאכן.

די פאטערלאנד־רעטער,
די לייטישע,
אנשטענדיקע,
פיינפילנדיקע
פארעטער!

[redacted]

 [redacted]

XXIV

פרילינק — 1928